**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/3/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 57 מיליאן דאלערדיגע אפגרעיד פון צוגענגליכע האָוזינג אנטוויקלונג אין באפעלאו**

***באדייטנדע רעהאביליטירונג ביי מעקארלי גארדענס אפארטמענטס וועלן אפהיטן צוגענגליכקייט, פארבעסערן ענערגיע-שפארעדיגקייט און זיכערהייט פאר 149 נידעריגע-איינקונפט פאמיליעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויסגעמאלדן דער אנהויב פון א 57 מיליאן דאלערדיגע באדייטנדע רעהאביליטירונג פון א צוגענגליכע האָוזינג אנטוויקלונג אין דאונטאון באפעלאו. די פלאנירטע רענאוואציעס ביי מעקארלי גארדענס אפארטמענטס וועלן פארבעסערן ענערגיע-שפארעוודיגקייט און פארבעסערט אלגעמיינע לעבנס-קוואליטעט פאר 149 פאמיליעס און אין דער זעלבער צייט אויסהאלטן צוגענגליכע רענטס.

"מיר ארבעטן אומערמידליך צו פארברייטערן העכסט-נויטיגע צוגענגליכע האָוזינג לענגאויס ניו יארק סטעיט, און דער נייער האָוזינג אפגרעיד וועט העלפן פארשטערקערן באפעלאו'ס קאמיוניטי און ערמעגליכן פאר ניו יארקער צו וואוינען זיכערערהייט און שטאנדהאפטיגערהייט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פראיעקטן ווי מעקארלי גארדענס אפארטמענטס זענען א הויפט שטאנדטייל פון מיין אדמיניסטראציע'ס אנטשלאסנקייט צו באזארגן מאדערנע און צוגענגליכע היימען, און צו בויען צו א מער בליענדער צוקונפט פאר שווער-ארבעטנדע פאמיליעס אין באפעלאו און ווייטער."

מעקארלי גארדענס אפארטמענטס איז א שטאנדטייל פון גאווערנער האקול'ס אלץ-ארומנעמענדע פלענער צו מאכן האָוזינג מער צוגענגליך, יושר'דיג, און סטאביל. היי-יאר שטייט דער סטעיט גרייט צו גרייכן דעם ציל פון איר איצטיגע האָוזינג פלאן פון שאפן און אפהיטן 100,000 צוגענגליכע היימען און 6,000 מיט שטיצע סערוויסעס. גאווערנער האקול בויעט אויף דער ערפאלגרייכע באמיאונג מיט א פארשלאג פאר א נייע 25 ביליאן דאלערדיגע, פינף-יעריגע האָוזינג פלאן וואס וועט שאפן און אפהיטן נאך 100,000 צוגענגליכע דירות אין אינער-שטאטישע און מער דארפישע ערטער לענגאויס ניו יארק אריינגערעכנט 10,000 מיט אונטערהאלט סערוויסעס.

מעקארלי גארדענס אפארטמענטס באשטייט פון 21 טאון-היים-סטייל געביידעס וואס זענען געבויט געווארן אין 1978, און נויטיגן זיך איצט אין פארבעסערונג. אלס טייל פון דער רעהאביליטירונג פראיעקט, וועלן פיר נאך צוויי-שטאקיגע טאון-היים געביידעס געבויט ווערן אויף דעם קאמפוס.

ווען ארבעט איז פארענדיגט, וועט דער אנטוויקלונג אנבאטן 27 צוויי-שלאפצימערדיגע דירות, 94 דריי-שלאפצימערדיגע דירות און 28 פיר שלאפצימערדיגע דירות. אלע 149 דירות זענען צוגענגליך פאר הויזגעזינדער מיט איינקונפט ביז 60 פראצענט פון דער דורכשניטליכע איינקונפט אין דעם געגנט.

דער פארנעם פון רענאוואציעס וועלן אנטהאלטן דער אינסטאלאציע פון נייע קיכן מיט אפגרעיד'עטע עפלייענסעס, אויסריכטונגען, שענק, און קאונטערטאפס; נייע לייכטע שטראם באדצימער אויסריכטונגען;

און קאסמעטישע אפגרעידס וואס נעמען אריין נייע פלארינג און נייע קאלער. ארבעט אויפ׳ן פלאץ וועט אנטהאלטן דער ערזעצונג פון שטורעם און סוער ליניעס, איבערפלאסטערן פארקינג פלעצער, נייע סיידוואקס און לענדסקעיפינג.

צו פארבעסערן ענערגיע-שפארעוודיגקייט, וועט יעדע געביידע באקומען גע׳אפגרעיד׳עטע אינסולעישען, נייע פענצטער, ענערדזשי סטאר-אפגעשאצטע עפלייענסעס, און הויך-עפעקטיווע בוילערס און הייסע וואסער הייצער וואו נויטיג. די רענאוואציעס זענען ערווארטעט צו רעדוצירן אלגעמיינע ענערגיע באניץ מיט אומגעפער 29 פראצענט.
איינוואוינער באקוועמליכקייטן רעכענען אריין אומזיסטע פארקינג פאר איינוואוינער, א שפיל פלאץ, און א 900 סק. פוסיגע קאמיוניטי צימער.

מעקארלי גארדענס קאמפוס איז נעבן דער באפעלאו ניאגארא מעדיקעל קאמפוס און באפעלאו׳ס צענטראלע ביזנעס דיסטריקט און וועט סערווירן באפעלאו׳ס עסענשעל וואורקערס מיט הויכע-קוואליטעט, צוגענגליכע האָוזינג אפציעס אין א פיסגייער ווייטקייט פון זייער ארבעטס-פלאץ.

די אנטוויקלונג טיעם באשטייט פון סט. דזשאן׳ס בעפטיסט טשורטש, BFC פּאַרטנערס און סינאטרא און קא. ריעל עסטעיט. סטעיט פינאנצירונג רעכנט אריין 10.2 מיליאן דאלער אין פערמאנענטע טעקס-עקזעמפט באנדס, פעדעראלע און סטעיט נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס וועלכע האבן גענערירט 24.3 מיליאן דאלער אין עקוויטי, און 9 מיליאן דאלער אין סובסידי פון ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳. די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט האט געגעבן 94,500 דאלער אין שטיצע. נאך פינאנצירונג ווערט צוגעשטעלט דורך אפגעשטופטע חוב און אנטוויקלער אפצאל.

**HCR קאמישענער רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** ״בויען א מער יושר׳דיגער ניו יארק הויבט זיך אן מיט פארברייטערן צוטריט צו צוגענגליכע האָוזינג אן די פילע געלעגנהייטן וואס א גוטע היים קען צושטעלן. מיט דער 57 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג אין מעקארלי גארדענס אפארטמענטס שאפן מיר א געזונטערע, מער זיכערע און באקוועמערע וואוינונג סביבה פאר 149 פאמיליעס, וועלכע וועלן אויך געניסן פון נידעריגע ענערגיע בילס, אפגרעיד׳עטע באקוועמליכקייטן, און גרינגע צוטריט צו טראנזיט אין דאונטאון. אונזער צוזאמארבעט מיט באפעלאו׳ס גלויבן-באזירטע קאמיוניטי, אריינגערעכנט סט. דזשאן׳ס בעפטיסט קירכע, זענען געווען אינסטרומענטאל אין אונזערע באמיאונגען צו ליפערן הויכע-קוואליטעט היימען און נויטיגע סערוויסעס לענגאויס דער שטאט. מיר זענען דאנקבאר פאר זייער שטיצע, און צו האבן א פירער ווי גאווערנער האקול, וועלכע פארשטייט אז באשיצן און אפהיטן עקזיסטירנדע האוזינג אנטוויקלונגען אין נויטיג אויף צו ענדיגן האוזינג אומזיכערהייט איינמאל פאר אלעמאל.״

**דאנאלד קאפאטשיע, הויפט שותף פון BFC פּאַרטנערס, האט געזאגט,** ״מיר זענען באגייסטערט אנצוהויבן גראבן היינט אויף דער קריטיש-וויכטיגער פראיעקט. מעקארלי גארדענס איז געווען אין אינטעגראלע שטאנדטייל פון דער באפעלאו קאמיוניטי אויף איבער פערציג יאר און דורך אונזער צוזאמארבעט מיט סט. דזשאנס קענען מיר פארזיכערן אז עס זעצט פאר ווייטער צו סערווירן לאנג-יעריגע איינוואוינער און צוקונפטיגע פאמיליעס פאר פילע דורות אין דעם צוקונפט מיט צוגענגליכע רענטס. מיר זענען אנטשלאסן אויסצוהערן די איינוואוינער פון מעקארלי גארדענס און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט זיי אינאיינעם אויף דער קאמיוניטי געטריבענע פראיעקט.״

**דאריען עם. האריס, פרעזידענט און סי-אי-או פון NYSERDA, האט געזאגט,** ״די אפגרעידס געמאכט צו דער מעקארלי גארדענס אפארטמענטס איז נאך א ביישפיל פון גאווערנער האקול׳ס אנטשלאסנקייט צוצושטעלן נידעריגע-איינקונפט ניו יארקער מיט צוטריט צו צוגענגליכע האָוזינג וואס טוט איינקערפערן שטאנדהאפטיגע מאסנאמען — פון ענערגיע-שפּאָרעוודיגע עפלייענסעס ביז די אויסערליכע טיילן דער

געביידע און ריינע סאָלאַר ענערגיע — וואס וועט פארבעסערן לופט קוואליטעט און רעדוצירן קאסטן פאר איינוואוינער. NYSERDA פריידט זיך צו זען אז מען הויבט אן גראבן אויף דעם פראיעקט און צייגן אז מיר קענען רעהאביליטירן אונזערע עקזיסטירנדע געביידעס אויף צו פארמערן באקוועמליכקייט און רעדוצירן עמיסיעס, ווי אויך פארזיכערן אז נייע קאנסטרוקציע איז קלימאט-גינציג און צוטריטליך פאר אלע ניו יארקער.״

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** ״פארברייטערן און אויסהאלטן צוטריט צו צוגענגליכע האָוזינג איז קריטיש-וויכטיג, איבערהויפט פאר די שווער-ארבעטנדע מענטשן פון באפעלאו און מערב ניו יארק. דאס איז צווישן די וואקסנדע צאל ארטיגע פראיעקטן וואס ניצן אויס פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט טעקס קרעדיטס אנצובאטן הויכע-קוואליטעט, מעסיגע פרייז לעבנס אפציעס וועלכע העלפןביישטייערן צו שטערקערע פאמיליעס און א לעבהאפטיגע קאמיוניטי.״

**סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** ״ניו יארק בלייבט אנטשלאסן צו אינוועסטירן אין צוגענגליכע האָוזינג געלעגנהייטן וועלכע זענען סיי דערגרייכבאר און סיי שטאנדהאפטיג. עס פריידט מיך צו זען ווי די ברייטע רעהאביליטירונג פון מעקארלי גארדענס ציעט זיך אויף פאראויס, און איך קוק ארויס מיט חשק צו זען דער קאמיוניטי-געטריבענע פראיעקט פארבעסערט דעם לעבנס-קוואליטעט סיי פאר לאנג-יעריגע איינוואוינער און סיי פאר צוקונפטיגע דורות.״

**ניו יארק סטעיט אסעמבלי מאיאריטעט פירער קריסטאל פעאפלעס-סטאוקס האט געזאגט,** ״דער 56 מיליאן דאלערדיגע רעהאביליטירונג פאר מעקארלי גארדענס אין באפעלאו׳ס איסט-סייד איז שוין העכסט צייטליך און וועט געבן מאדערניזירטע צוגענגליכע וואוינונגען פאר שטאט איינוואוינער, סערווירנדיג אלס א גלענצנדעביישפיל פון דער ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועלס׳ אנטשלאסנקייט אויפצולעבן אונזערע קאמיוניטי. איך אפלאדיר BFC פּאַרטנערס, סט. דזשאנס בעפטיסט טשורטש, סינאטרא און קא., און די קאמיוניטי סטעיקהאָלדער וועמענס פירערשאפט האט ביישטייערט צו מאכן דער קאמיוניטי-געטריבענע פראיעקט אווירקליכקייט.״

**ערי קאונטי עקזעקיוטיוו מארק פאלאנצארז האט געזאגט,** ״צוגענגליכע האָוזינג איז קריטיש-וויכטיג צו אונזער עקאנאמיע און אונזער קאמיוניטי און ביישטייערט צו די לעבהאפטקייט פון דאונטאון געגנט. די דאזיגע 57 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג אין דער מעקארלי גארדענס אפארטמענטס וועלן אפגרעיד׳ען און מאדערניזירן די וואוינונגען, פלאצירט נאענט נעבן דעם באפעלאו ניאגארא מעדיקעל קאמפוס, און אויך צוגעלייגט מער האָוזינג צו דעם ארט און אין דער זעלבער צייט פארבעסערן ענערגיע-שפארעוודיגקייט.״

**מעיאר ביירען וו. בראון האט געזאגט,** ״דאס איז א ריזיגע פראיעקט וואס וועט בויען אויף מיין אדמיניסטראציע׳ס אנגייענדע באמיאונג צו שאפן מער צוציענדע, זיכערע און אפגעהיטענע האוזינג יוניטס אין דעם שטאט באפעלאו. די שטאט פריידט זיך צו ביישטייערן צו דער מעקארלי גארדענס אפארטמענטס פראיעקט מיט אומגעפער 1 מיליאן דאלער דורך דער באפעלאו ארבען ריניועל אגענטור. איך דאנק דער אנטוויקלונג מאנשאפט און ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ פאר זייער בליק און אינוועסטירונג אין דער פארברייטערונג און מאדערניזירונג פון דער פרוטבעלט געגנט האָוזינג קאמפלעקס.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418